זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא, זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא, זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא, וְקַיָּמָא, זַרְעָא דִּי לָא יִפְסוֹק, זַרְעָא דִּי לָא יִבְטוֹל, דִּי לָא יִפְסוֹק, וְדִי לָא יִבְטוֹל מִפִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא.

פון דעם הימל אובן דארט
א ישועה פון אלעם סארט,
לחן ולחסד ולרחמים
און אריכות ימים,
פרנסה ברוח געזונטערהייט
מיט א גרויסע ליכטיקייט,
בעטן מיר א צינד פון דיר,
הייליגער בורא כל עולמים.
זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא,

קינדער צום לעבן און צום געזונד
בעטן מיר אוך א צינד
קינדער גוטע קינדער פרומע
זיי זאלן האבן פון דיר מורא
קינדער וואס זאלן נישט ליידיג גיין
קינדער וואס זאלן נישט אפ שטיין
פון צום לעבן און צום שטרעבן
פאר די הייליגער תורה.
זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא,

פאר אלע גיטע פרימע לייט
פון דער נאנט און פון דער ווייט
רביים ורבנן ודרשנים,
פון דער הייליגער חברותא,
פון ארץ ישראל פון בבל לאנד,
דיינים אין ריש גליות מיט אנאנד
זייערער חסידים ותלמידים,
וואס לערנען תורה אלע מאהל.
זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא,

דער גרויסער מלך פון דער גאנצער וועלט,
זאל בענטשן א יעדן און זיין געצעלט,
זייער לעבן מערן, זיי גוטס באשערן,
עס זאל זיי שטענדיג גוט זיין.
באהיט ווערן פון אלעם בייז,
סיי דער יונגער, סיי דער גרייז,
ווייבער און קינדער, ייעדער באזונדער,
לאמיר אללע ענטפערן אמן
זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא,

יהא רעוא קדמך, יהא רעוא קדמך,
יהא רעוא, קדמך, רעוא קדמך,

דתפתח ליבאי,
דתפתח ליבאי, ליבאי, באורייתא

רבונו של עולם די געבעט פון מיר
איין בקשה האב איך צו דיר
זאלסט עפענען מיין הארץ
פארשטיין די תורה
צוזאמען מיט יראת שמים טהורה

די הארץ זאל זיין פון תורה באלאכט
לערנען ביי טאג אין ביי נאכט
ווייל די הייליגע תורה
איז די בעסטע סחורה,
באקומען פונעם הייליגן בורא (1)

כי הוא לנו עוז ואורה (2)